**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע דיגיטאלע קענטעניס פראגראם פאר ניו יארקער דורך סטעיט לעיבאר דעפארטמענט**

***נייע לעיבאר דעפארטמענט שותפות מיט Northstar Digital Literacy וועט העלפן מענטשן וואס זוכן דזשאבס זיך צו איינהאנדלען קאמפיוטער סקילס וואס זענען נויטיג צו באקומען א דזשאב אין די 21'סטע יאר-הונדערט***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און העלפט אנטוויקלען סקילס פאר ארבייטער צו קענען נאכקומען די באדערפענישן פון מאדערנע ביזנעסער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (New York State Department of Labor, NYSDOL) קומט ארויס מיט א נייער, אומזיסטער דיגיטאלע קענטעניס פראגראם צו העלפן מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס זיך צו איינהאנדלען די סקילס וואס זיי דארפן צו זיין מער ווערטפול פאר ארבעטסגעבער. דער פראגראם ווערט צוגעשטעלט דורך א שותפות מיט Northstar Digital Literacy צו אפשאצן די קאמפיוטער סקילס פון מענטשן וואס זוכן דזשאבס און זיי העלפן אויפבויען די וויסנשאפט אין פעלדער וואס ביזנעסער זוכן. אין אן אנקעטע פון די NYSDOL אין 2022 האבן 44 פראצענט פון ביזנעסער וואס האבן געענטפערט געזאגט אז פונדאמענטאלע קאמפיוטער באנוץ און קאמפיוטער קענטעניס זענען געווען סקילס וואס האבן געפעהלט פון אסאך דזשאב אפליקאנטן און נייע ארבייטער. אנדערע אפטע פראבלעמען זענען ארויפגעקומען מיט פונדאמענטאלע קענטעניס מיט אימעיל און Excel. מיט די כסדר'דיגע טוישנדע טעכנאלאגיעס וואס ווערן גענוצט אין די ארבעטספלאץ איז עס געווארן א קריטישע זאך פאר ארבייטער צו פארשטיין וויאזוי זיך צו באנוצן מיט דיגיטאלע כלים און פלאטפארמעס כדי אז ניו יארקע ארבייטער זאלן קענען פאראויס גיין אין זייערע קאריערעס און אז ביזנעסער זאלן קענען פארזעצן צו בליהען.

"ניו יארק שטייט אין שפיץ פונעם וועג ווען עס קומט צו פארגרעסערן דיגיטאלע קענטעניס פון מענטשן צו העלפן אונזער סטעיט'ס טאלאנטפולע ארבעטסקראפט זיך צו פארזיכערן די דזשאבס פון מארגן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע איניציאטיוו וועט זיין א טראנספארמאטיווע צוגאב צו אונזערע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג באמיאונגען, גיבנדיג פאר אלע ניו יארקער צוטריט צו די כלים וואס זענען נויטיג צו קענען עפענען א בעסערע צוקונפט פאר זיך און זייערע פאמיליעס."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטא ריערדאן, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארק סטעיט זוכט צו צוציהען ביזנעסער צו פארמערן עקאנאמישע געלעגנהייטן, מוזן מיר זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די ריכטיגע סקילס וואס די ביזנעסער דארפן. אונזער שותפות מיט Northstar Digital Literacy וועט העלפן אונזער ארבעטסקראפט זיך איינהאנדלען די קאמפיוטער באהאוונטקייט וואס זיי דארפן צו קענען נאכיאגן נאך די שנעלע ענדערונגען פון די דיגיטאלע גלאבאלע מארקעט."

Northstar האט א דריי-פּאַקיגע סיסטעם וואס הויבט זיך אן מיט א בחינה וואס די באטייליגטע נעמען אליין דורך די אינטערנעט צו באקומען א סערטיפיקאט אדער א דיגיטאלע בעדזש אויב זיי זענען מצליח. דערנאך רעקאמענדירט Northstar צו לערנען אויף די אינטערנעט אליין בשעת'ן מאכן לעקציע פלענער צו העלפן ניו יארקער פארמערן זייער באהאוונטקייט. דער פראגראם וועט אריינגענומען ווערן אין די NYSDOL'ס 95 לאקאלע קאיערע צענטערן.

אין NYSDOL'ס 2022 אנקעטע האבן ביזנעסער אויסגערעכנט די פאלגנדע טעכנישע סקילס אלץ די וואס זיי זוכן די מערסטע:

- זיין באהאוונט מיט Excel
- אימעיל
- זיין באהאוונט מיט Word
- קענען אנאליזירן דאטא
- טייפּען

Northstar'ס דיגיטאלער פראגראם העלפט ארבייטער זעהן ווי גוט זיי זענען באהאוונט און זיך צו אויסלערנען די סקילס, צוגרייטנדיג ניו יארקער פאר די ארבעטסקראפט און זיכער מאכנדיג אז ביזנעסער קענען טרעפן די ארבייטער וועלכע האבן די סקילס וואס זיי דארפן.

די שותפות שטופט פאראויס די NYSDOL'ס פארפליכטונג צו העלפן ניו יארקער זיך איינהאנדלען די סקילס וואס זיי דארפן צו קענען מצליח זיין ביים זוכן א דזשאב און אין די ארבעטספלאץ. די NYSDOL אפפערט א רייע פון קאריערע אנטוויקלונג סערוויסעס דורך די אינטערנעט און פנים אל פנים, אריינרעכענענדיג צוטריט צו מער פון 4,000 פראגראמען דורך Coursera און טעגליכע ווירטועלע ווארקשאַפּס אויף אנגעלעגנהייטן ווי סקילס וואס קענען אריבערגענומען ווערן פון איין דזשאב צום אנדערן, LinkedIn און מער. די NYSDOL'ס קאריערע צענטערן אפפערן א רייע פון קלאסן, ווארקשאפּס, דזשאב ירידים, רעקרוטירונג פאַרזאמלונגען, דזשאב קלאָבּס און אינפארמאציע סעסיעס. ניו יארקער וועלכע ווילן באקומען הילף מיט רעזומעיס, נעטווארקינג אדער אינטערוויוס ווערן געמוטיגט צו באזוכן NYSDOL'ס קאריערע אנטוויקלונג וועבזייטל אדער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע קאריערע צענטער.

ניו יארקער זאלן זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע NYSDOL קאריערע צענטער זיך צו איינשרייבן פאר Northstar'ס אומזיסטער דיגיטאלער פראגראם. Northstar ווערט יעצט גענוצט דורך קרוב צו 3,000 פראגראמען וואס לערנען אויס פונדאמענטאלע קענטעניסן פאר ערוואקסענע, קאלעדזשעס, נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס, ארבעטסקראפט צענטערן, רעגירונג אגענטורן און ביזנעסער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן